Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

# היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 38 | Łódź, Poniedziałek, 13 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י"ז שבט תרצ"ג | № 38 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנטיסעמיטישע כוואליע אין דייטשלאנד

## עס ווערט אנגעזאגט דער אנהויב פון א גרויסער רייניגונג

בערלין, 12 (ספ. טעל.)
דער פארזיצער פון דער היטלער־פראקציע אין פרייסישען סים, דעפ. קובע, האט האלטענדיג א רעדע אין האמבורג, אנגעזאגט, אז בקרוב וועט זיך אנהויבען א גרויסע „רייניגונג" אין דייטשלאנד, און עס וועט ארויסגעלאזט ווערען א כוואליע פון פערשטארקטען אנטיסעמיטיזם מצד די היטלעראווצעס.

## א כוואליע פון ווארעמקייט אין שפאניען

בארצעלאנא, 12 (ספ. טעל).
נאך די שטארקע פרעסט איז אומדערווארטעט געקומען א כוואליע פון ווארעמקייט.
די טעמפעראטור אין בארצעלאנא וואקעלט זיך אין די לעצטע טעג פון 17 ביז 20 גראד היטשער פון זערא.
אין שייכות דערמיט ווערען געמירט ווענינגער ערקראנקונגען אויף גריפע.

## זיצונג פון לעג. ראט אין עבר־הירדן

### אפגעלעגט צוליב מאנגעל אין קווארום

ירושלים, 12 (יט"א טעלעגראפיש).
ווי יט"א דערוואוסט זיך, איז די זיצונג פון לעגיסלאטיווען ראט אין עבר־הירדן אפגעלעגט געווארען צוליב מאנגעל אין קווארום.

## די בלוט־פערגיסונגען אין דייטשלאנד

### נישט דערלאזט צו א הונגער־מארש. — אגיטאציע פאר א גענעראל - שטרייק

בערלין, 12 (ספ. טעל.)
נעכטען זענען ווידער פארגעקומען בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען היטלעריסטען און קאמוניסטען אין דארמשטאט.
אין קויל האט אוועקגעלייגט א סויטען — א דורכגייער.
בעת אזא צוזאמענשטויס זענען אין שטוטגארט 10 פערזאן פערוואונדעט געווארען.
דעם הונגער־מארש אין ברוינשווייג, וועלכער עס האבען איינגעארדענט די קאמוניסטען, האט פאליציי פונאנדערגעטריבען.
די קאמוניסטען פיהרען נאך אלץ די אגיטאציע פאר א גענעראל־שטרייק.
אין גויקירכען האבען זיך נאך דער קאטאסטראפע בעוויזען פראקלאמאציעס, וואס פאדערען אויף צו ווארפען די ארבייט אין אלע פאבריקען.
דער ארגאן פון די קאמוניסטען „די ראטע פאהנע" איז געשלאסען געווארען ביז'ן 25. ד. ח. פאר'ן אויפרופען צו א שטרייק.

## פראיעקט פון א נייעם צאל־געזעץ

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)
ווי מען דערוויסט זיך ווערט איצט אין די ווירטשאפטליכע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס בעטראכט א נייער פראיעקט פון א צאל־געזעץ, וועלכער וועט ארומנעהמען אלע פארשריפטען בנוגע דער צאל־פראצעדור.
דאס געזעץ זאל ארויסגעגעבען ווערען אין שייכות מיט'ן אריינגיין אין לעבען פון א נייעם פוילישען צאל־טאריף אין הערבסט ה. י.

## לעצטע עליה פון פוילישע יודען קיין ארץ־ישראל

### „אגענץ" פארשט די סיבות

ווארשא, 12 (יט"א טעלעפאניש).
די עקזעקוטיווע פון דער יודישע „אגענץ" אין ירושלים האט בעפולמעכטיגט דעם ד"ר זילבערשטיין פון לעמבערג, אויסצופארשען און צושיקען א בעריכט פון דער יודישע „אגענץ" איבער דער איצטיגער עליה פון פוילישע יודען קיין ארץ־ישראל.

## פראפ. אלבערט איינשטיין בעקומט אין זיין רשות א פאנד פון 100 טויזענד דאלאר

### פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט און אנדערע יודישע אינסטיטוציעס

ניו־יארק (יט"א) ד"ר א. ראזענבאך, דער פרעזעס פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט פון פריינד פון דער העבראישער אוניווערזיטעט האט מיטגעטיילט, אז אויף דעם איינשטיין־באנקעט, וואס וועט פארקומען דעם 15. מערץ, וועט דעם פראפ. אלבערט איינשטיין איבערגעגעבען ווערען א פאנד אין דער הויך פון הונדערט טויזענד דאלאר. וועלכען דער גרויסער געלעהרטער זאל לויט זיין אייגענעם איינזעהען פערווענדען פאר דער העבראאישער אוניווערזיטעט און אנדערע יודישע אינסטיטוציעס, וואס פראפ. איינשטיין אינטערעסירט זיך מיט זייער ענטוויקלונג. ווי בעוואוסט, וועט פראפ. איינשטיין נאך דעם דאזיגען באנקעט אפפאהרען צוריק קיין דייטשלאנד.

## געשלעג צווישען היטלעריסטישע און סאציאליסטישע סטודענטען פון דער בערלינער אוניווערזיטעט



## ווידער אן אויפרייס פון א גאז־רעזערוואר

### דאס מאל — אהן מענשליכע קרבנות

בערלין, 12 (ספ. טעל.)
אין דער הוטע האמעראן, בייערן, האט עקספלאדירט א גאז־רעזערוואר.
דער בנין איז אינגאנצען דעמאלירט געווארען.
די פייערלעשער איז געלונגען די שרפה צו לאקאליזירען.
אזוי ווי דער אויפרייס איז געשעהן נאך דער ארבייט, זענען קיין קרבנות אין מענשען נישט געווען.

א הארציגען מז"ט ווינש איך דעם ה'
**זיינוויל פעסטענבערג און פרוי**
צו דער חתונה פון זייער ליבע טאכטער
**העלא**
מיט ה' מאניעק איינוואוינער
און דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען.
ש. גרינבערג און פרוי

**טיילערער צאהל איך פאר** בריליאנטען, גאלד, זילבער, פערל, גאלדענע ציין, און לאמבארד־און קוויטעס.
**50%**
M. H. LISSAK, 5 Piotrkowska 5

**Dr. med. J. SCHORR**
פון IWONICZ
ספעציאליסט
פאר הארץ און סקלעראזא־קראנקהייטען
וואוינט יעצט אין לאדז
**גדאנסקא 11, טעל. 226-85**
נעמט אן טעגליך פון 4—6 נאכמיטאג
7866.

צוליב אבריזע
**צו פערקויפען א**
# ספר תורה
לאדז, פילסודסקיעגא 35 (וושכאדניא)
קווער־אפיצינע, 3-טער שטאק, וו. 42.
929

**פאר גאלד, ביזשוטעריע**
און לאמבארד־קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
**איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7**

אונזער אינניגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די שווער־געטראפענע
**פרוי ראשגאלד און פאמיליע**
צוליב'ן טויט פון זייער הייסגעליבטען מאן און פאטער
# יעקב נ. ע.
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
ז. גאמאלינסקי און פרוי.

דער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ן מייסטער ה' **פישל פעדערמאן** צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין נישט־פערגעסענער
# טאכטער נ"ע
זייט געטרייסט מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
דאס פערסאנאל פון די געוועלבער און די ארבייטער פון דער פאבריס פון די פעראייניגטע בלויז־כשר'ע פליישער אין לאדז.
מיעלשארסקיעגא 4.
703

